# מיין ברודער, ישראל שטערן

מיין ברודער, ישראל שטערן,
מיין ברודער פון איזבשע לידער,
איין טאטן מיר טוען געהערן,
איין טאטן — דעם אייביקן יידן.

מיין ברודער, ישראל שטערן,
דער טאטע האט געלאזט זיך שעכטן
דעם שופר פון משיח צו הערן —
געווען איז דאס נעכטן, נעכטן.

און דו האסט געטאן דאס זעלבע,
א ביסל נאר אנדערש דער אופן,
דו ליגסט צווישן חורבן־געוועלבער
אין מיטן פון ווארשעווער הויפן.

דו ליגסט אויף עקדה־שטיינער,
אזוי ווי ס׳איז יצחק געלעגן —
און ס׳גלוסטן אין דיר אלע ביינער
צו זינגען און גאר נישט צו פרעגן.

דו פרעגסט ניט: אווּאו איז דער איל,
און ווער וועט דאס שעכטמעסער שארפן?
און ווער וועט צעבלאזן דאס פייער
דעם קרבן אין פלאקער צו ווארפן?

די פֿרעגסט ניט — די נעמסט זיך גאָר זינגען,
אײַנגאַנצן פֿון זיך אַ דערלײַזטער,
און וואונדער — דײַן קול הייבט אָן קלינגען
אַלץ העכער און העכער און דרייסטער:

„איך ליג — ווי איך דאַרף ליגן — שטויביק,
אָן ריר מיט קיין איינציקן אבר,
אַז וואויל מיר, אַז וואויל צו זײַן אייביק,
אַז וואויל מיר אָן וויג און אָן קבר".

דײַן קול איך פֿאַרנעם פֿון דערווײַטן,
מײַן ברודער, ישׂראל שטערן!
ווי ווערטער פֿון גאַר אַלטע צײַטן
צו מיר וואָלטן לאָזן זיך הערן.

און אָט ווערט דײַן קול אַנטשוויגן,
און פֿון דײַן אַנטשוויגנקייט קומען
אַרויס מיט אַ נייערן ניגון
געזאַנגען פֿון אונטער דײַן גומען:

„צעעפֿנט זיך, שערי שמים,
און בלײַבט שוין אַזוי אייביק אָפֿן,
דאָס בלוט, וואָס דאַרף מאָנען און שרײַען,
וויל שלאָפֿן, וויל שלאָפֿן, וויל שלאָפֿן.

„ס'וועט עמיצער, הימלען, אײַך פּליקן,
און איך וועל אײַך גאַנץ מאַכן ווידער,
און איך וועל אײַך געבן אַ תּיקון
מיט מײַנע צעשאָסענע גלידער.

„אָט איז זי מײַן חצותיקע תּפֿילה,
באַגלייט פֿונעם טאַטנס קול־שופֿר —
גייט אויף, מײַנע אבֿרים, אין סקילה,
אין הרג, אין חנק, אין שׂריפֿה.

„מה טוב ומה נעים — ווי זיס איז,
נאָך זיסער פון יום־טובשן עונג,
מקיים זיין אַלע פיר מיתות —
איין קידוש־השם איז מיר ווייניק — — —"

דיין קול איך פאַרנעם פון דערווייטן,
וואָס נאָכדעם געשעט — בלייבט פאַרהוילן,
א וואונדער פון היינטיקע צייטן,
וואָס לאָזט זיך דערוויייל ניט דערציילן.

ה. ל.